# אפטע פראגן איבער Isoniazid און Rifapentine

## מיין טובערקולאז אינפעקציע באהאנדלונג

אייער דאקטאר האט אייך פארשריבן **Isoniazid און Rifapentine** צו באהאנדלען אייער טובערקולאז (tuberculosis, TB) אינפעקציע. **די מעדיצין מוז איינגענומען ווערן איינמאל א וואך פאר 12 וואכן,** פינף ביז 10 מינוט נאכן עסן. Isoniazid און rifapentine קענען אייך העלפן פארמיידן פון קראנק ווערן מיט א מער ערנסטע, אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט אין די צוקונפט.

### מיין טובערקולאז טעסט איז פאזיטיוו אבער די רענטגען (עקס-רעי) אויף מיין ברוסטקאסטן איז נארמאל. איך פיל זיך גוט. צו דארף איך אנהויבן נעמען Isoniazid און Rifapentine?

יא. אפילו אויב איר פילט יעצט נישט קראנק, האט איר נאכאלץ טובערקולאז באצילן אין אייער קערפער. נעמען מעדיצין איז די איינציגסטע וועג צו הרג'ענען די טובערקולאז באצילן אין אייער קערפער.

### וואס זענען די זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) פון Isoniazid און Rifapentine?

רוב מענטשן קענען נעמען די מעדיצינען אן קיין שום פראבלעם. Rifapentine קען פאראורזאכן אז מי רגליים, שפייעכץ אדער שווייס זאלן באקומען אן אראנדזש-רויטע קאליר. דאס איז נארמאל. די קאליר וועט צוביסלעך אוועקגיין מיט די צייט.

### צו קען איך נאכאלץ נעמען מיינע אנדערע מעדיצינען, געווירצן-באזירטע מעדיצינען, וויטאמינען אדער סאַפּלעמענטס?

עס ווענדט זיך. טייל מעדיצינען, וויטאמינען און סאַפּלעמענטס זענען זיכער צו נעמען מיט Isoniazid און Rifapentine. אנדערע זענען נישט זיכער. זאגט אייער דאקטאר, נורס אדער פארמאסיסט וועלכע אנדערע מעדיצינען איר נעמט איין, אריינרעכענענדיג 'אָוווער-די-קאונטער' מעדיצינען וואס דארפן נישט קיין דאקטאר'ס רעצעפט, פארשריבענע מעדיצינען (אריינרעכענענדיג געבורט קאנטראל), געווירצן-באזירטע מעדיצינען, טראדיציאנאלע מעדיצינען, וויטאמינען און סאַפּלעמענטס.

### צו זענען דא סיי וועלכע עסנווארג אדער געטראנקען וואס איך זאל פארמיידן בשעת'ן נעמען Isoniazid און Rifapentine?

יא. טרונקט נישט קיין אלקאהאל דורכאויס די 12 וואכן פון די באהאנדלונג. אויסמישן אלקאהאל מיט Isoniazid און Rifapentine קען שעדיגן אייער לעבער.

עסנווארג וועלכע אנטהאלטן די כעמיקאל tyramine אדער histamine, צום ביישפיל פארעלטערטע קעזן, פיש, סאלאמי אדער געריכערטע פליישן, זאלן פארמיטן ווערן. זיי קענען פאראורזאכן סימפטאמען, ווי רויטע הויט, א שנעלע אדער גאר שטארקע הארץ קלאפ, העכערע בלוט דרוק אדער קאפ ווייטאג. רעדט צו אייער דאקטאר צו זעהן אויב איר דארפט האבן א ספעציעלע דיעטע.

### איר זאלט זאפארט אויפהערן נעמען *Isoniazid* און *Rifapentine* און אנרופן אייער דאקטאר'ס אפיס אויב איר באקומט סיי וועלכע פון די פאלגנדע זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס):

- פארלוסט פון ווילן צו עסן סיי וועלכע עסנווארג
- איבל אדער ברעכן
- מאגן ווייטאג
- ברוינע (נישט רויטע אדער אראנדזשע) מי רגליים
- העל-קאליריטע צואה
- א לויזע מאגן (דייריע)
- ווייטאג אין די אונטערשטע חלק פון די ברוסטקאסטן אדער א ברענענדיגע געפיל אין די ברוסטקאסטן (האַרטבוירן)
- פלו סימפטאמען מיט אדער אן פיבער
- קאפ ווייטאג אדער ווייטאגן אין די קערפער
- ערנסטע שוואכקייט אדער פילן אויסגעמוטשעט
- פיבער אדער טשילס
- א שווינדל
- די הויט אדער אויגן ווערנדיג געל
- אן אויסשלאג (רעש) אויף די הויט אדער הויט וואס קראצט
- גרינגערהייט באקומען רויטע אדער פורפל פלעקן אדער פינטלעך אויף אייער הויט וואס איר ווייסט נישט די סיבה דערפאר
- בלוטן גרינגערהייט, בלוטן פון די נאז אדער בלוטן פון די גומען אדער ארום אייערע ציין
- א קורצע אטעם
- ווייטאג אדער קיצל אין אייערע הענט, ארעמס אדער פיס
- פילן טרויעריג אדער דעפרעסיע

אויב איר באקומט שלעכטע זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס), וועט איר מעגליך באקומען אן אנדערע מעדיצין צו באהאנדלען די טובערקולאז אינפעקציע. רעדט צו אייער דאקטאר, נורס אדער פארמאסיסט אויב איר האט סיי וועלכע זארגן.

NYC Health

# אפטע פראגן איבער Isoniazid און Rifapentine
## מיין טובערקולאז אינפעקציע באהאנדלונג

### וואס זאל איך טוהן אויב איך פארגעס צו נעמען מיין מעדיצין?

אויב עס איז נאך די זעלבע וואך, דאן נעמט אייער מעדיצין ווי אנגעוויזן ווי נאר איר דערמאנט זיך. אויב איר פארפעלט א וואך, דאן זעצט פאר צו נעמען אייער מעדיצין ווי אנגעוויזן. אויב איר פארגעסט צו נעמען אייער מעדיצין, רופט אן אייער דאקטאר פאר ווייטערדיגע אנווייזונגען.

### וויאזוי קען איך געדענקן צו נעמען מיין מעדיצין?

נעמט אייער מעדיצין איינמאל א וואך (צום ביישפיל יעדע מאנטאג מיט פרישטאג).
עס זענען דא פארשידענע וועגן צו האלטן חשבון פון אייער מעדיצין:

- ☑ נוצט א מעדיצין טשארט, ווי צום ביישפיל די טובערקולאז אינפעקציע מעדיצין טשארט ביכל, צו האלטן חשבון פון וויאזוי און ווען איר נעמט אייער מעדיצין.
- ☑ באנוצט זיך מיט א לוח עפ אדער פראגראם אויף אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער צו חשבון פון וויאזוי און ווען איר נעמט אייער מעדיצין.
- ☑ שטעלט אן א טעגליכע וועקער זייגער צו נעמען אייער מעדיצין.
- ☑ האלט אייביג אייער מעדיצין אין די זעלבע פלאץ, צום ביישפיל אויף א נאכט טישל.
- ☑ נוצט א וועכנטליכע פילן האלטער.
- ☑ בעהט א פריינד אדער פאמיליע מיטגליד אייך צו דערמאנען צו נעמען אייער מעדיצין.

### וויאזוי זאל איך אוועקלייגן Isoniazid און Rifapentine?

לייגט אוועק Isoniazid און Rifapentine אויף א פלאץ מיט געווענטליכע צימער טעמפעראטור. האלט נישט די מעדיצינען אויף א פלאץ וואו זיי וועלן ווערן זייער קאלט (למשל אין די פרידזשידער), זייער הייס (למשל נעבן אן אויוון אדער גאז) אדער זייער פייכט (למשל אין די בית הכסא שראנק). האלט עס אויף א פלאץ וואו קינדער קענען נישט אנקומען. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט **"medicine safety"** (מעדיצין זיכערהייט).

### צו קען איך באקומען מיין פרעסקריפשען פאר Isoniazid און Rifapentine פאר מער פון 30 טעג אויף איין מאל?

אייער דאקטאר וועט ווארשיינליך אייך ווילן זעהן יעדע חודש בשעת איר נעמט Isoniazid און Rifapentine צו זיכער מאכן אז די באהאנדלונג ארבעט און צו איבערערדן סיי וועלכע זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס). צוזאמען קענען איר און אייער דאקטאר באשלוסן וואס וועט ארבעטן די בעסטע.

ביטע רעדט צו אייער דאקטאר אויב איר האט סיי וועלכע פראגן אדער זארגן איבער אייער טובערקולאז אינפעקציע באהאנדלונג. אין פאל פון עמערדזשענסי, אדער אויב די זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) פארערגערן זיך, פארבינדט זיך מיט אייער דאקטאר אדער גייט אריין צו די נאענטסטע עמערדזשענסי רום.

### דאקטאר/קליניק קאנטאקט אינפארמאציע

נאמען פון דאקטאר/קליניק:

______________________

______________________

טעלעפאן נומער:

______________________

אדרעס:

______________________

______________________

### צו קען איך נעמען ווייניגער מעדיצין אויב איך פיל געזונט? צו קען איך אויפהערן די באהאנדלונג פריה?

ניין. עס איז וויכטיג צו פארענדיגן צו נעמען אלע אייערע טובערקולאז אינפעקציע מעדיצין כדי אייך צו גיבן די גרעסטע אויסזיכטן צו אויסהרג'נען די טובערקולאז באצילן אין אייער קערפער. אויב איר הערט אויף די באהאנדלונג פרי קענט איר נאכאלץ קראנק ווערן שפעטער. רעדט צו אייער דאקטאר בעפארן אויפהערן די באהאנדלונג אדער בעפאר איר הויבט אן איינעמען ווייניגער פון אייער מעדיצין.

### ווען קען איך אויפהערן איינעמען Isoniazid און Rifapentine?

נאך איר פארענדיגט די גאנצע 12 וואכן פון די באהאנדלונג. אויב איר האט שוועריגקייטן צו נעמען די מעדיצין, רעדט צו אייער דאקטאר כדי זיי זאלן אייך קענען העלפן פארענדיגן אייער באהאנדלונג.